NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13329

# ZYAMELE MAROS

Iashe Zel'din

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

יאַ. זעלרינ



# זיאמעלע מאטראָס

מעלוכע־פארלאג „דער עמעס", מאָסקווע 1941

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

יא. זעלדין

ניו-יארק

# זיאַמעלע מאַטראָס

צייכענונגען
ג. אינגער

מעלוכע-פארלאג „דער עמעס", מאָסקווע, 1941



# זיאמעלע מאטראָס

זיאמעלע א פעטער האָט,
בינט ער אינ דעמ רויטנ פלאָט
אפ א שיפ א גרויסער,
אפ א רויטנ קרייסער.

קומט צוגיינ דער פעטער אָפט
אונ דערציילט אימ אָנ א סאָפ
וועגנ יאמ דעמ טיפנ,
וועגנ גרויסע שיפנ.

ער דערציילט ביז שפעטער נאכט,
ווי מע פירט אינ יאמ א שלאכט.
ער דערציילט אימ, זיאמענ,
וועגנ רויטע יאמער:

אלע יונגע איינ אינ איינ,
הארטע מוסקולנ ווי שטיינ,
מונטערע אונ שטארקע
מיט געזונטע קארקנ.

אונ זיי שווימענ נאָכאנאנד,
אונ באהיטנ אונדזער לאנד
זיכערע אונ דרייסטע
אפ די רויטע קרייסערס.

נאָכ דערציילט דער פעטער אימ,
ווי מאטראָסנ קלעטערנ
פלינק אזוי אונ-האסטיק
אפ די הויכע מאסטנ.

פונ די מאסטנ זעט מענ ווײַט,
אלצ באמערקט מענ צו דער צײַט.
נעמט דער פײַנט זיכ רוקנ
גיט מענ פײַנ אינ שנוק אימ.

האָט זיכ זיאמעלע פארטראכט:
סארא וווּנדער, סארא פראכט!
אונ באשלאָסנ האָט ער
זײַנ א רויטער פלאָטער.

און ער זאָגט צום פּעטער קלאָר:
— מיר איז דאָך שוין זיבן יאָר,
וואָס וועל איך דאָ וואַרטן
בײַ דער מאַמעס פּאַרטעך?

פּאַק מיר גיך די זאַכן אײַן,
כ'וויל אַ רויטער פּלאָטער זײַן,
כ'וויל מיט דיר צוזאַמען
שווימען אויף די יאַמען.

זאָגט דער פּעטער אים: — פֿאַראַן!
דאָס איז ניט קיין שלעכטער פּלאַן.
כ'וועל דיך שטעלן, ברודער,
אויפֿן שיף בײַם רודער.

נאָר דערווײַלע, ליבער פֿרײַנט,
דעק זיך צו און שלאָף איצט אײַן.
ווי עס וועט נאָר קלאָרן
נעמען מיר און פֿאָרן.

האָט זיך זיאַמעלע דערפֿרייט,
אין דער קאָלדרע זיך פֿאַרדרייט.
זיך פֿאַרשטעקט אין קישן
אין אַ שלאָף אַ זיסן.

זעט ער, זיאמע, פונ דיוואנ
פליט אראָפ זײַנ ׳עראָפלאנ,
שטעלט זיכ אפ א רעגע
פונקט בא זײַנ געלעגער.

האָט ער, זיאמע, ניט געטראכט
די קאבינע אופגעמאכט,
אינ קאבינע, זעט ער,
דאָרטנ זיצט דער פעטער.

רעדט ער, זיאמע, ניט קיינ וואָרט,
ער שליסט אײַנ דאָרט דעמ מאָטאָר,
אונ עס הייבט אָנ שנעלער
רוישנ דער פראָפעלער.

אונ די מאמע בא דער זײַט
פאָכט צו זיאמעלענ אונ שרײַט:
— שווימ איבער די יאמענ,
ניט פארגעס די מאמע.

— פאָר, מײַנ זונעלע, מיט גליק,
קומ געזונטערהייט צוריק,
זאָלסט אינ יאמ זיכ היטנ
פאר די גרויסע קיטנ.



הייבט זיך אויף דער יעראָפּלאַן
און ער פֿליט איבערן לאַנד,
איבער בערג און טײַכן,
איבער פֿעלדער רײַכע.

אינעם פֿרײַען ברייטן סטעפּ
שווימען נײַ־געבויטע שטעט,
אין די טאָלן שלענגלען
באַנען שמאָלע סטענגעס.

פּלוצלינג שרײַט דער פעטער: — סטאָפּ!
לאָז זיך, פֿרײַנט מײַנער, אַראָפּ.
הערסט דעם יאַם דאָרט ברומען? —
מיר זײַנען געקומען!

האָט זיך זיאַמעלע דערפֿרייט.
ס'ליגט דער יאַם פֿאַר אים צעשפּרייט —
ברייט און אומגעהויער
און אַזאַ מין בלויער.

ווײַסע רוישנדיקע וואַלן
וואַקסן אויסעט און צעפֿאַלן,
און מיט טויזנט זונען
איז דער יאַם פֿאַרשפּונען.

אין די הײכן אין די פרײַע
מעוועס טויכן זיך און שרײַען,
אין די גרינע טיפן
די דעלפינען שטיפן.

שטייט ער, זיאמעלע, און גאפט:
„מאמע מײַנע, מאמע,
סארא שיינקײַט, סארא קראפט
אָט דער בלויער יאם איז!"

— פעטער, כ'האָב שוין ניט קיין צײַט, —
הייבט אָן זיאמע טײַנען, —
ווײַז מיר גלײַך, אין וועלכער זײַט
שטייט דער קרייסער דײַנער.

ענטפערט אים דער פעטער אָפּ:
— א געזונט דיר אין דײַן קאָפּ!
אויב דו וועסט זיך אײַלן,
וועסטו זיך צעבײַלן.

פלוצלינג שווימט ארויס א קאטיער,
אפן נאָז א פלאג עס פלאטערט,
פון די מעסער־שרויפן
כוואליעס זיך צעלויפן.

אפֿן קאַטיער בא דעם רודער
שטייט א יאַט א גוטער־ברודער.
פֿון זײַן היטל הענגען
צוויי מאַטראָסן־סטענגעס.

שרײַט צו אים דער פּעטער: — סטאָפּ!
און דער קאַטיער שטעלט זיך אָפּ.
שפּרינגט אַרויס פֿון קאַטיער מונטער
א רויטפֿלאָטלער א געזונטער.

לויפֿט ער צו צום פּעטער שנעל,
גיט זיך בראַוו לעם אים א שטעל.
גיט א הייב די האַנט צום היטל,
ווי א פֿלאָטמאַן א געניטער.

און ער גיט א ראַפּאָרטיר:
— געהערטער כאַוועך קאָמאַנדיר,
מעלדן אײַך איך האָב די ערע,
כ׳בין פֿון קרייסער „קאָמינטערן״,

מיר האָט מען געהייסן גלײַך
אָפּפֿירן צום קרייסער אײַך!



גיט דער-פעטער אים די האַנט,
זאָגט צום פּלאָטמאַן: — זײַט באַקאַנט!
דאָס איז מײַן פּלימעניק זיאַמע
ער וויל אויכעט זײַן אַ יאַמער.

קוקט ער, זיאַמעלע, און קוועלט:
„סאַראַ גיבער, סאַראַ העלד!"
שטרעקט ער אויסעט, אים די האַנט:
— לאָמיר, ברודער, זײַן באַקאַנט.

שרײַט דער פּלאָטמאַן אויס: — פאַראַן!
נאַ דיר, ברודערקע, מײַן האַנט,
מירן, ברודער זיאַמע,
שטענדיק זײַן צוזאַמען.

זעצט זיך זיאַמעלע אַרײַן
מיטן פעטער, מיט זײַן פרײַנט
אין דעם שנעלן קאַטיער
לעם דעם פלאַג, וואָס פלאַטערט.

טוט אַ טראַסקע דער מאָטאָר,
רײַסט מען האַסטיק זיך פון אָרט
אַזש דער ברעג אַהינטער
וווּנדערלעך פאַרשווינדט ער.



פֿלוצלינג איז א ווינט פֿון צאָפֿן
אפֿן קאטיער אָנגעלאָפֿן,
טוט דער ווינט א וואָיע
אפֿן יאם דעם בלויען.

טוט דער יאם זיך א צעשטורעם,
וואקסן וואסער־בערג ווי טורעמס,
און די כוואליעס ווערן
ווי די ווײַסע בערן.

הייבט דעם קאטיער אָן צו ווארפֿן
אף די וואסער־בערג די שארפֿע,
שלײַדערט אים אָן ענדע
ווי א דינעם שפענדל.

שרײַט צו זיאמעלען דער פעטער:
— ווי געפעלט דיר סארא וועטער,
ס'זײַנען אונדז באפאלן
אלע דרײַצן באלן!

ענטפערט זיאמע: — דרײַצן באלן!
זאָלן דרײַסיק אונדז באפאלן!
כ'בין א רויטער פלאָטער,
כ'הער זיי ווי דעם קאָטער!



מעג דאָרט זײַן דער ווינט דער גרעסטער,
איך וועל זיך מיט אים פאַרמעסטן.
זאָל דער ווינט ניט מיינען,
אַז כ׳וועל זיך צעוויינען.

שרײַט דער פעטער: — ביסט אַ יאַט,
כ׳האָב קײַן טאָעס ניט געהאַט,
דו וועסט, ברודער זיאמע,
זײַן אַ גוטער יאַמער.

שרײַט דער כאַווער באַ דער זײַט:
— דו ביסט, ברודערקע, אַ לײַט;
דו וועסט, ברודער זיאמע,
זײַן אַ גוטער יאַמער.

שרײַען אין דער הייך די מעוועס,
און די ווײַסע כוואַליעס רעוועז:
— אונדזער כאַווער זיאמע
איז אַ בראַווער יאַמער!

אָפּגעהוליעט, אָפּגעשפּילט,
האָט דער שטורעם זיך געשטילט.
ס'איז דער יאַם געוואָרן
בלויער נאָך און קלאָרער.

פלוצלינג וואַקסט אַנטקעגן אויסעט
ווי אַ באַרג אַ שיף אַ גרויסע,
און דער מאַסטבוים הויערט
אין דער הייך דער בלויער.

אויפן שיף דריי קוימענס שטאַרצן,
שלאָגט פון זיי אַ רויך אַ שוואַרצער
און די שיף אינגאַנצן
איז אין שטאָל געפּאַנצערט.

קוקט ער, זיאַמע, אין שפּאַקטיוו,
ס'איז אַן אויפשריפט אויפן שיף —
גרויסע אויסיעס שווערע:
קרייסער „קאָמינטערן".

פונעם קרייסער אויף די קייטן
לאָזט זיך שנעל אַראָפּ אַ לייטער,
גלייך ער וואַלט זיך בעטן:
„טייערינקע, קלעטערט".



קלעטערט זיאמעלע און קלעטערט
מיט זײַן כאוועראַ נאָכן פעטער,
אזש בא יעדן טראָט אים
עס פארכאפט דער אָטעם.

אפן שיפ האָט זיי באגעגנט
מיט א שאַל דער האָרנטרעגער,
און דעם באָצמאנס דודע
האָט זיך הויך צעהודעט.

האָבן אײַליק זיך צעשאָטן
רירעוודיקע רויטע פלאָטער,
זיך געשטעלט צו צווייען
אין צוויי שטרענגע רייען.

אונ פאָרויס דער עלטסטער וואכטמאנ
דונערט אויסעט: — מאנשאפט אכטונג!
בלײַבט מענ שטיינ ווי איינער
שטילע, ווי פארשטיינערט.

אונ דער פעטער ווי געהעריק
גריסט דער מאנשאפט מיליטעריש,
גריסט זיי זיאמע אויכעט
אפ א קאָל א הויכנ:

— איר זײַט, יאטנ, מיר געפעלנ,
איכ וואָלט טאקע זייער וועלנ
זײַנ מיט אײַכ צוזאמענ,
שווימענ אפ די יאמענ.

נאָכ אזא מינ ווילער רעדע,
ארומ זיאמענ ווערט א רעדל.
שטרעקט ער, זיאמעלע, די האנט,
ווערט מיט אלעמענ באקאנט.

מיטאמאָל דערזעט ער, זיאמע,
אפנ שיפדעק דעמ געראמענ,
וואקלענדיק זיכ הינ אונ הער,
גייט א גרויסער ברוינער בער.

קריכט דער ברוינער בער אונ סאָפּעט,
מיט די לאַפּעס קרומ ער טאָפּעט,
מיטנ שווערנ גופ ער דרייט —
גלײַכ אַפ זיאמעלענ ער גייט.

זיאמעלענ א שרעק כאַפּט אָנעט,
נאָר ער מאכט א שטרענגנ פּאָנעמ
אונ ער שרײַט: — א ביקס אהער,
כ'וועל דערשיסנ גלײַכ דעמ בער!

זאָגט מענ אימ: — צו וואָס דערשיסנ?
ס'גייט דער בער מיט דיר זיכ גריסנ.
— בערל, בערל, קומ אהער
זיאמעלענ א כאַווער ווער.

לאָזט דער בער זיכ לאַנג ניט בעטנ,
רויִק אונ פּאַמעלעכ טרעט ער.
ער גייט צו אונ טוט א ברומ,
ער נעמט זיאמעלענ ארומ.

נאָכדעמ בייגט ער אײַנ א צײַטל
גלײַכ ער בעט זיכ: „זעצט זיכ רײַטנ".
ווערט דאָ זיאמע בא זיכ שטארק,
זעצט דעמ בער זיכ אפנ קארק.



רײַט ער, זיאמע, אזוי מוטיק,
גלעט דעם בער דעם ווייכן פוטער,
און דער בער מיט א געברום
טראָגט אים אפן שיפ ארום.

איבער לאנגע קרומע לייטערס,
ווי די שלאנגען די געדרייטע,
טראָגט ער, זיאמעלען, געשווינד
דורכ א לאנגן לאבירינט.

קאָרידאָרן, קאָרידאָרן
איינס אין אנדערן פארלאָרן.
רונדע פענצטער אין די ווענט
אָן א צאָל און אָן אן ענד.

אין די קובריקעס די לאנגע
טישן וויגן זיכ צעהאנגען,
און די בעטן זײַנען אויכ
צוגעבונדן אין דער הויכ.

האלט דער בער אים אין איין פירן
אין דערפירט אים צו א טירל.
האָט ער, זיאמע, ניט געטראכט
און דאָס טירל אופגעמאכט.

קוקט ער זיך ארומעט, זיאמע,
ס'איז א זאל אזא גערעמער,
און אינגאנצן איז דער זאל
איינגעפאנצערט אין מעטאל.

און דערביי די קעסל=הייצערס,
מיט געזונטע ברייטע פלייצעס,
אף דער וואכטע נאכאנאנד
גיבן אכטונג אפן בראנד —

ס'זאלן פאמפען די מאשינען,
ס'זאל דער נאפט דורך רערן רינען,
און די קעסלען אקוראט
זאלן פרעסן נאפט צו זאט.

וועט דאס וואסער אין די קעסלען
זידן היציקער און בעסער,
און אין הייסן לאנגגן קאמף
וועט פארוואנדלען זיך אין דאמף.

וועט דער הייסער דאמף זיך הויבן
און א שפאר טאן דורך די טרויבן,
און געשווינד אהין, אהין —
צום צילינדער פון מאשין.

ווערט די קאָלבע אין צילינדער
לויפן האסטיקער, געשווינדער
און באוועגן אין געלויף
פון דער שיף דעם שארפן שרויף.

קוקט ער, זיאמעלע, פארצויבערט
אף די קעסלען, אף די טרויבן,
און באגײַסטערט ער באשליסט:
— איך מוז זײַן א מאשיניסט.

אונטער מילכיק־ווײַסע טעלער
שײַנען ליכטיק לאָמפּן העלע,
מעכאניזמען אף די ווענט
אָנגעשײַערטע ביז בלענד.

און אין ברייטן זאל אינמיטן
שטייען קעסלען צען צעגליטע,
אין די קעסלען שפּארט מיט קראפט
דורך א טרויב צעשטויבטער נאפט.

זעצט דער נאַפט מיט אזא ברומען,
כאפּט א פלאם דעם נאפט ארומעט,
און דאָס פײַער פרעסט און רוישט,
און דער דאמפ אין קעסל ברויזט.

אפּ די שטאַנגענע פֿונעם גאַנעק
איז געשטאַנען דער מעכאַניק, —
שרײַט ער, זיאַמעלע, צו אים
מיט אַזאַ מין דרײסטער שטים:

—

— מיר געפֿעלן די מאַשינען,
כ׳וויל זיך שטעלן זײ באַדינען!
מיר האָט זיך פֿון אַלעמאָל
זײַן אַ מאַשיניסט געוואָלט.

ענטפֿערט זיאַמען דער מעכאַניק
פֿון דעם הויכן שטאַנגענ־גאַנעק:
— איך דערלויב דאָס דיר, געוויס.
ביטע, זײַ אַ מאַשיניסט!

נאָר אַפֿריער, פֿרײַנט מײַן ליבער,
לויף אין קובריק טו זיך איבער,
קום צוריק אַהער, און דאַן
ווערסטו גלײַך מײַן רעכטע האַנט.

לויפֿט ער, זיאַמע, איבערטאָן זיך,
נאָר פֿון פֿרייד האָט ער פֿאַרבלאָנדזשעט.
ס׳איז דער קרײסער אַזוי גרויס
ניט ער ווייסט וווּ אײַן וווּ אויס.

זוכט ער וועמענ זאָל ער פרעגנ,
ערשט דער בער אימ שפּאנט אנטקעגנ,
נעמט דער בער אימ גלײַכ ארופ
אפ זײַנ רונדנ שווערנ גופ.

מיטאמאָל א גלאָק נעמט קלינגענ,
נעמט דער בער דערשראָקנ שפּרינגענ.
גיט זיכ ראפּשומ א שטעל אָפּ,
קוליעט זיאמעלענ אראָפּ.

אונ דער גלאָק דערווײַלע ליארעמט —
אפנ שיפ א שלאכט=אליארעמ.
אונ דער האָרנ=שאלער שאלט
אונ ער וואָרנט א סיגנאל.

האָבנ גלײַכ די רויטע פלאָטער
שנעל אונ בליציק זיכ צעשאָטנ
אָנ א טומל, אָנ א וואָרט
שטעלט זיכ יעדער אפ זײַנ אָרט.

אפנ שטורמאנ=בריקל זעט ער
שטײט דער קאָמאנדיר, זײַנ פעטער,
הײבט צומ מויל דעמ רופּאָר שנעל
אונ ער דונערט א בעפעל:

— קאָמאַנדירן, רויטע פּלאַטער,
צו די וואַכטעס צוגעטראָטן!
צו אַ שלאַכט דעם קרייסער גרייט,
הייבט דעם אַנקער אויפן קייט!

האָבן הילכיק זיך צעקלונגען
פונעם אַנקער־קייט די רונגען,
און פון יאַם, פון טיפסטער טיף,
קריכט דער אַנקער אויפן שיף.

אין די הייסע טיפע טריומען
די מאַשינען ברילן, ברומען.
און די קוימענס, דרײַ אין הויך,
אין די רוימען שפּײַען רויך.

טוט אַ ריס זיך באַלד דער קרייסער
מיט זײַן ריזן גוף דעם הייסן.
אויפן בריקל פונעם שיף
קוקט דער פעטער אין שפּאַקטיוו.

שרײַט דער וואַכטמאַן: — אונדז אַנטקעגן
פײַנטלעכע פיר מינען־טרעגער,
און אין וועג באַגלייטן זיי
אונטערוואַסער־שיפן צוויי!

ווארפנ גלײַכ זיכ די מיניאָרנ
צו די מינענ=אפאראטנ,
די געניטע קאָמענדאָרנ
צו די פאנצער=קאזעמאטנ.

דער קאָנווייער זיי באשטאט
א גראנאט נאָכ א גראנאט.

נעמענ אפ אנ אָרט זיכ דרייענ
ביידע רייענ באטארייעס,
אונ עס הייבט זיכ שטאמ נאָכ שטאמ
צילעווענ זיכ אפנ יאמ.

די זעניטלער די געניטע,
פונ זעניט די שטרענגע היטער,
הייבנ הויכ די רערנ אופ,
צילעווענ זיכ אינ דער לופט.

בא די מעכטיקע הארמאטנ
שטייענ גרייטע די גראנאטנ,
אונ די יאטנ באמ קאנאל
טשאטעווענ אפ א סיגנאל.



פלוצלינג פלאצט אוף א ראקעטע:
— פײַער! פײַער! — שרײַט דער פעטער,
און אין לופט צעשפּאלט זיך באלד
א צענדונערדיקער קנאל.

זעצט א פײַערדיקער שטורעמ
פון די באטארייען-טורעמס.
די זעניט-געווער אין הויך
שפּײַען שטאל און פײַער-רויך.

און עס שאלן דונער-קנאלן
גלײַך דער הימל וואלט צעפאלן,
און עס ברויזט א גרויסע שלאכט—
בא-בא-באך און בא-בא-באך!!

זעט ער, זיאמע, אפן יאמ איז
פײַער-רויך און רויטע פלאמען,
און אין כוואליקן געררויש
וואקסן וואסער-זײַלן אויס. —

זעט ער, זיאמע, ווי אין טיפן
זינקען שוין דעמ סוינעס שיפן.
ווערט ער, זיאמע, שטארק אנטציקט,
ער צעפלאמט זיך אזש פון גליק.

לויפט ער צו די באטארייען,
ווו די קאָמענדאָרן שטייען:
— גיט מיר אויכעט א הארמאט,
כ'וועל אים טרעפן אקוראט!

און ער טוט א צי דעם שלאָס,
טוט א קנאל און טוט א שאָס,
אזש עס פּראלט זיך אופ זײַן רעקל
און ער טוט א פלי אוועקעט.
און עס פליט זײַן היטל אויך,
ווי א פויגל אין דער הויך.

און ער שרײַט אין יאם צום סוינע:
— נא דיר, סוינע דו געמיינער!
פארגעדענק אצינד אפ לאנג,
ווי צו גיין אפ אונדזער לאנד!

מיטאמאָל האָט מיט א קוויטשען
א סירענע זיך צעריטשעט
און עס טוט דער גלאָק א בראזג: —
„טוט אָן מאסקעס קעגן גאז!"

שרײַט דער באָצמאנ: — ס׳האָט א מינע
אופגעריסנ לעמ מאשינע,
דורכנ ריס דאָס וואסער רינט,
פערטע וואכטע, ראש אהינ!

לויפנ צענ מאטראָסנ האסטיק,
שלעפנ טראָסנ מיט א פלאסטער;
פלינק פארציִענ זיי דעמ שפאלט,
אונ דאָס וואסער מע פארהאלט.

אפנ אויבערדעק דערווײַלע
גייט די שלאכט, ווי פריִער אײַליק.
פינקטלעכ, רויִק, אָנ גערויש
יעדערער זײַנ פליכט פילט אויס.

מיט א גרילצערײַ פונ גרילנ
פליט דעמ פײַנטס אנ עסקאדריליע.
הייבנ זיכ פונ שיפ גלײַכ אופ
צענ פארניכטלער אינ דער לופט.

גיבנ זיי א יאָג אינ הויכנ
אונ מיט זיי פליט זיאמע אויכעט.
ס׳האָט זײַנ כאווער, דער פילאָט,
אימ פארטרויט דעמ פוליעמיאָט.

אין דער לופט די פײַנט באגעגנט
צאמט זיי זיאמעלע די וועגן.
ער באפאלט זיי און צעשיסט
און צעשפּאלט זיי ווי די ניס.

און דעם סוינעס 'עראָפּלאנען,
אײַנגעהילט אין רויך און פלאמען,
מיט א קנאל זיך רײַסן אופ
און צעפאלן אין דער לופט.

נאָך אזא מין שלאכט א הייסער
נידערט זיאמע אפן קרייסער.
דריקט אים יעדערער די האנט,
מע באגריסט אים נאָכאנאנד.

שרײַט צו זיאמעלען דער פעטער:
– האָסט, מײַן פרײַנט, דעם פײַנט צעשמעטערט,
אים פארניכט אין פלאם און רויך —
אפן יאם און אין דער הויך!

פאר דער דרייסטקײַט פאר דער גרויסער
כ'דריק א הייסן דאנק דיר אויסעט,
און פאר אלעמען איך מעלד,
ביסט, מײַן זיאמעלע, א העלד.

און באשטימט האָב איך באַלוינענע
דיך מיט וואָס דו ווילסט אַליינ באַר.
זאָג זשע, זיאמע, אומגעשטערט,
וואָס איז, ברודער, דײַנ באגער?!

ענטפערט זיאמע זייער ערנסט:
— כ׳וויל א רויטער יאמער ווערנ.
איך וויל זײַנ א מאשיניסט,
א ראדיסט, א מאָטאָריסט.

בא די מינענ־אפּאראטנ,
בא די מעכטיקע הארמאטנ
וויל איך ווערנ א מיניאָר,
א געניטער קאָמענדאָר.

אפנ האָרנ וויל איך שאלנ,
הויכע וואָרענענ סיגנאלנ,
זײַנ א שטורמאנ אפנ שיפ,
שטיינ באמ שטורוואל באמ שפּאקטיוו.

זײַנ א באָצמאנ וואָלט איך וועלנ,
זײַנ א וואכטמאנ אפ דער וואכטע,
קענענ אָפּגעבנ באפעלנ,
זײַנ דער אָנפירער אינ שלאכטנ.

איך וואָלט וועלן גלײַך מיט דיר
זײַן א רויטער קאָמאנדיר!

זאָגט דער פעטער מיט א שמייכל:
— וועסט דאָס אלץ, מײַן פרײַנט, דערגרייכן,
אויב דו וועסט נאָר מיט געדולד
גיין זיך לערנען אין אַ שול.

ענטפערט זיאמעלע דערפרייט:
— גיין זיך לערנען בין איך גרייט.
כאָטש א יאָר און דרײַ און פיר,
אבי זײַן א קאָמאנדיר!

שיקט גלײַך זיאמעלע דער מאמען
אָט אזא מין טעלעגראמע:
„איך, דײַן זיאמעלע, דײַן זון,
ווינטש דער מאמע זײַן געזונט.

איך וואָלט וועלן זען דיך גערן,
נאָר איך פיל אויס דײַן פארלאנג —
איך פאָר לערנען, איך וועל ווערן
לייטענאנט פון ערשטן ראנג".

פארן פאָרן הייבט מען אָנעט
טראָגן זיאַמעלען מאַטאָנעס;
ס׳קומט דער שטורמאַן פון דער שיף
ברענגט א קאָמפּאַס, א שפּאַקטיוו.

ס׳ברענגט דער וואַכטמאַן א מאַטאָנע
אים א ביקסל מיט פּאַטראָנעס,
און דער קאָכער אַפּ א טאַץ
ברענגט א טאָרט אים ווי א פּאַס.

לויפט דער באָצמאַן דער גענײטער,
ברענגט א פלאָטישן גאַרניטער,
א מאַטראָסקעלע א העלע
און א לײַבל פון פלאַנעלע.

שוואַרצע הויזן, א בושלאַט —
אַלץ זעט אויסעט אַזוי גלאַט.

אַפּ די אַרבל רויטע אַנקערס,
און די קנעפּ די ברײטע בלאַנקען,
און פון היטל הענגען צוויי
שמאָלע סטענגעלעך צעוויט.



מוט דער פעטער א באפעל:
מ'ע זאָל גרייטן א פאַראד
און באגלייטן ווי א-העלד
זיאמען אוש קיין לענינגראד.

האָבן גלייך זיך אופגעזאמלט
די מאטראָסן אפן דעק,
זיך געזעגענט מיט זיאמען
און באגלייטן אים אין וועג.

— און עס כאַפן אים באלד אונטער
א פאָר הונדערט הענט געזונטע,
און אים הייבן אלע אופ
און מע הוידעט אין דער לופט.

הוידע-הינדע!
הוידעט ברידער,
הויך און נידער,
הויך און נידער,

הוידע-הינדע!
שפרינגט ער האסטיק —
אָט דערגרייכט ער
ביז די מאסטן,

ביז די וואָלקנס אָט דערפליט ער.
האָט דאָס הארצ
אימ אזש פארציטערט...

כאפט זיכ זיאמע אופ פונ שלאָפ —
אונ עס קומט צו אלצ א סאָף.

---

Я. ЗЕЛЬДИН

# ЗЯМЕЛЕ МАТРОС

Рисунки худ. Г. Ингер

Редактор А. Кушниров
Техредактор М. Погостер
Корректора М. Карпинович
и А. Цылов.

Сдано в набор 12/X-1940 г.
Подписано к печ. 26/XI-1940 г.
Формат бум. 59x84 1/16. 2,5 п. л.
1 3/4 уч. изд. л. Тираж 8000 экз.
А-31028. „Дер Эмес" № 457.
Заказ тип. № 41

Гос. тип. № 4, Вильнюс,
Рудницкая 2. Тел. 18-63
Полиграфтрест ЛССР

Цена 1 р. 50 коп

Я. ЗЕЛЬДИН

# ЗЯМЕЛЕ МАТРОС

Гос. издательство
„ДЕР-ЭМЕС“
1 9 4 1

13/11001